קלאָר מאַטעמאַטישע האָט מעהר מוט. ער איז נישט קיין ראַבינער, ער איז נישט קיין נאַציאָנאַליסט. איהם אַרט עס נישט כל סוף, אַז דאָס יודענטום זאָל אונטערגעהן. ער איז בלויז אַ רעליגיעז-אומגעשטערטער דענקער, וואָס איז מאַטעמאַטיש אָריענטירט.

אַבער ווען צום רעליגיעזען אינטערעס קומט נאָך צו דער נאַציאָנאַלער? ווען נישט „יהדות" איז דער פּראָבלעם, נאָר דער „קיום היהודים"? ד. ה. ווען דער הויפּט-פּונקט איז נישט די פאָרשונג פון דעם יודענטום, נאָר דאָס זוכען וועגען, ווי אַזוי איבערצוהאַלטען דאָס יודענטום, מאַכען איהם אַזוי צו זאָגען, אַז צו גאָט, אַז צו לעבען, מאָדערן און טראַדיציאָנעל — פרוי רעליגיעז און נאַציאָנאַל, פרוי נאַציאָנאַל, מיסטיש און ראַציאָנאַליסטיש?

און דער לאָגישער שפּראַך רופט מען אַזאַ מין חקירה — „פּטורית פּרובציפ" אָנגענומען פאַר אַ תנועה דאָס, וואָס דאַרף ערשט בעוויזען ווערען, און פּשוטער און נאַטירליכער אויסגעדריקט אין עס אָנגערעכענט געמעם ווען אין אַלע פאַלים.

מען האָט זיך נישט אויסגעמאַכט געפרעגט עס צו מין אָדער אוראַלטע, און מיט אַנטראָפּאָלאָגישע מיטלען — מיט געלערנטע תורה, מיט גרויסע זיך אין די פּראַגמאַטיע, און עס איז אַרויסגעקומען דאָס „רעפאָרם-יודענטום", וואָס איז גיט פּשוט און נישט פילאָזאָפיש. מען פּרובט זיך עס צו מין, אין אַמעריקאַ אויף אַנ'אַמעריקאַנישען אופן — פּראַגמאַטיש, פּראַקטיש, מעהר סאָציאַל ווי רעליגיעז, מעהר נאַציאָנאַליסטיש ווי געזעלשאַפטליך.

פאַר דעם אַמעריקאַנער יודענטום שטעהט אַ שווערער פּראָבלעם: אַסימילאַציע און צווייג אַבער אויך נאַציאָנאַליטעט אין פאָרם. דער אַמעריקאַנישער ייד האָט זיך געמוזט אַסימילירען, מען האָט איהם געצוואונגען דערצו. עס איז געווען זיין וועג צו בירגערליכער בעפרייאונג, צו סאָציאַלער העכערשטעלונג, אַבער זיין אַסימילאַציע איז געווען אַ לאַנגזאַמע.

למשל, די דײַטשע יודען. זיי האָבען זיך בעראַפּט אַסימילירען אינטעלעקטועל, נאַציאָנאַל. זיי האָבען נישט בעראַפּט צעברעכען זייער גאַנצע סביבה, זייער טראַדיציע די „מורשת יעקב", כדי צו ווערען קולטור-דײַטשען. דערפאַר אַ טעגליכער סאָציאַלער יוד אין דײַטשלאַנד האָט אויך געווען דײַטש, אויב אַפילו מיט אַנ-אַקצענט, מיט געוויסע ייִדישע אייגנקייטן און „ושאָרנאַבוואָמען", אַבער עס איז געווען בלויז אַ קלייניגקייט, וואָס מען האָט קוים בעמערקט. דער זוהן פון דעם טראַדיציאָנעלען פאָטער איז נישט געווען קיין פרעמדער, ווייל ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען אַ ריינערן דײַטש. אַבער אין אַמעריקאַ געהט די אַסימילאַציע אויף אַנדערע וועגען. זי צוברעכט דעם ייִדישען מענשען, זי רייסט איהם אַרויס פון אַ היסטאָרישער סביבה, און שלייטערט איהם אַרויס אין אַ כנען, נאָך לאַמפּישער גאָר נאָר איבערעקשטייטער. צווישען עלטערן און קינדער ווערט אַ תהום: שפּראַך, געוואוינהייטען, צוגאַנג צו זאַכען און איידעען, די גאַנצע מענטאַליטעט איז אַנ'אַנדערע. צווישען דעם אַלטען אָרטאָדאָקסישען רב און פּראָגרעסיוו און זיין זוהן דעם פּראָפעסאָר איז געווען בלויז אַנ'אונטערשייד אין מינהגים, אַבער בײַדע האָבען געהאַט געמיינזאַמע אינטערעסען.

און דערפאַר איז דאָס דײַטשע יודענטום נישט קוקענדיג אויף דער גאַנצער אַסימילאַציע, נישט קוקענדיג אויף דעם נאַציאָן אַוועקגעפאַלן, דאָך געוועזען דאָס שטאַרקסטע, ווייל עס האָט וואָרצלען.

דאָס אַמעריקאַנער יודענטום האָט נאָך קיין וואָרצלען. עס האָט נישט קיין יאָ — עס האָט נישט קיין נײן. עס איז נישט געווען אַ ווירקליכקייט דעם פּראָבלעם מיט דעם יודענטום און אַמעריקאַ מיט דעם וואָרט, אָדער זשעסט: עם הארצות. די פראַגע איז פאַרוואָס? פאַר וואָס איז דאָס יודענטום אין אַמעריקאַ דאָס עם-הארצ'ישסטע פון דער גאַנצער וועלט און פאַרוואָס איז דאָס די סבה פאַר דעם פאָלקסמענדיגען אונטערגאַנג שאַרפער, ווי וואו נישט אַנדערש?

אונטערגאַנג מיינט נישט פיזיש-פערשווינדען. נישט דאָס לעבען אַליין איז דער עיקר. „צוליב דעם לעבען פערלירען זיך די מאָטיוון פון לעבען", ווי די רוימער פלעגען זאָגען. אַט דאָס איז די טראַגעדיע, אַט דאָס, צופעליג יאָגען זיך צום יודענטום פיהרט אויף זעהר טריוויאַלע, זעהר פיינליכע געדאַנקען. דאָס שטענדיגע הערבע, און זיין האַרבקייט, ששהנע און זיין בעטערקייט זיינע אַלטע יודענטום ווערט אַזוי פערוואַסערט, פערוואָלגאַריזירט, פערלירט יעדען טעם און יעדען ריח.

עס איז אַפילו נישט קיין צוריק-אַסימילאַציע פון דעם אַסימילירטען ביז דעם יודענטום. עס איז בלויז אַ מין שפּיל.

די פראַגע איז געשטעלט — אַבער ווי קאָן מען זי לעזען? איך וויל זי דאָ גאָר נישט פערענטפערן. איך וויל בלויז נאָר אַמאָל קאָנסטאַטירען דעם פאַקט — דעם פאַקט פון דער פולשטענדיגער וועג-לאָזיגקייט פון דעם אַמעריקאַנישען יודענטום און די אומבעהאָלפענקייט פון די, וואָס ווילען זוכען פאַר איהם אַ וועג. און אַז מען זוכט — איז אַ בעווייז אַ קליין ביכעל, פון ד"ר מ. קאַפּלאַן „אַ נייער צוגאַנג צום יודענטום'ס פּראָבלעם". ד"ר קאַפּלאַן שטעלט אויך אַוועק שאַרף און בעשטימט די פראַגע! דאָס יודענטום צעפאַלט, עס איז היינט שווערער צו זיין אַ ייד, ווי ווען נישט אין פריהער". ער איז געערלעט. דאָס יודענטום — און דער עיקר דאָס יודענטום אין אַמעריקאַ — צעפאַלט. מיר שטעהען פאַר אַ קריזיס. אַבער וואָס איז דער אויסגאַנג? וואָס איז די הילף צו דער קראַנקהייט?

ד"ר קאַפּלאַן שלאָגט פאַר אַ מיטעל, רעלאַטיווער, אַ גאַנצע צפּמוק מיט מיטלען: פּאַלעסטינאַ פאַר כלל ישראל, תורת ייִדישע וויסענשאַפט פאַר דעם יחיד; און אַמעריקאַ, העבראַאישער אינטערעס, מאָראַלישע ערציהונג, און דער עיקר: אַ נייעם אינהאַלט פאַר דעם יוד.

מעגליך, אַז דאָס וועלען זיין גוטע מיטלען. מעגליך, אַז אויב אַלע יודען וואָלטען דאָ פערשטעהן העבראַאיש, און לערנען און זיין עטוואָס פאָלקסטימליכע מענשען, וואָלט דאָס יודענטום דאָ געוואָרען אויפגעפרישט.

איך האָב נישט אַזאַ פאַנטאַזיע. און איך זעה אויך נישט, ווי אַזוי דאָס קאָן ווערען. איך זעה נישט, וואָס פאַר אַ מיטלען קאָנען טרייבען די מאַסען צוריק. און איז דאָס איינציגליך דער פּראָבלעם? דאָס יודענטום איז נישט קיין מין כלי-פראַגע, דאָס יודענטום גייסטיגע זיך כמו אין צוזאַמען, נאָר אין „קולטוראַליזם". דאָס יודענטום אַפילו — נאַציאָנאַל גענומען — איז פאַרט אַ פּיינליכע העראָפּערשאַפט, אַנ'אָרגאַניזאַציע. דאָס שטערט אויף רעגקען און וועלען אין נישט בלויז אויף זיין. פאַר דעם אַמעריקאַנער קאָן עס זיין זעהר ווילטיג צו האָבען דאָס מעהר אַמעריקאַנער, וואָס מעהר ענגליש ייִדענדע מיט-מענשען. עס איז דאָס נאַטיוו פ.נ.'ס נאַציאָנאַלען אַמעריקאַניזם. פאַר אונז איז נישט אַזוי גייסט זיין וויכטיג. די פיל יודען וועלען זיין ייִדיש, נאָר וואָס פאַר אַ יודען.

מיר שרעקט נישט אַזוי פיל די געפאַהר פון דעם „צעפאַלען ווערען" פון דעם אַמעריקאַנער יודענטום, מיר שרעקט נישט, אַז עס וועלען זיין אין אַמעריקאַ אַזוי פיל און אַזוי פיל ווייניגער יודען, [illegible] — דער פּראָבלעם פון דעם ייִדישען יודענטום איז. וואָס איז דער בעגריף פון די ייִדישע דענקער, און וואָס איז דער לעצטער אינהאַלט פון דעם מאָדערנעם יודענטום?

ד"ר קאַפּלאַן רעדט פון אַזאַ נייעם אינהאַלט. אַבער ער רעדט בלויז פון זיין געמיינקייט ווישט פון זיין מהות. ער גיט צו, אַז „עס פעהלט אַ נייעם אינהאַלט איז אַ לאַנגער שפּאַנונגס-פּראָצעס" אַבער דער פּראָצעס אַליין און דאָס וויכטיגסטע, זאָגט ער, דאַרף דער דאָזיגער פּראָצעס — און סטימולירען דעם פּראָצעס. זאָגלען אַלע גייסטיגע כוחות פון דעם יודענטום, וועלען זיי די מעגליכקייט צו קאָנצענטרירען זייער גאַנצע קרעפטע אויף דער נייער אויפבויאונג פון יודענטום.

איך מעג דאַרף נישט פערנעסען: דאָס יודענטום איז נישט אַ יודישע פּראַגע, עס איז אַ וועלט-פראַגע.

נישט מיר אַליין האָבען אַז פון דעם יודענטום-פּראָבלעם, די גאַנצע מאָדערנע קולטור איז ענג פערבונדען מיט איהם און זוכט נאָר אַ נייע פאָרמולירונג פאַר אַן אייגענער אינטערעסע — זוכען אויך אַ שליסעל צו דער גרויס סך וועלט-פּראָבלעמען.

און דערפאַר איז די נישט נעבענ אויך בערציבען דעם אינהאַלט און דעם אויפבויען פון דעם מאָדערנעם איינבלאָטען פון דער איינציגער דענקען. מען מוז אַנאַליזירען אייגענע דעם וועג. שפּינאָזאַ האָט עס געמוזט דורכגעהן מיט דריי יאָהר צוריק. זיין פּראָבלעם מוז ווייטער געפּרוּפט ווערען.

טעמפּעל, קלויז און זאָאָלאָגישער גאַרטען.

בילדלעך פון ייִדישען לעבען אין דײַטשלאַנד.

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט")

פון י. צ. לעווי (לייפּציג).

דער ה' קאָמערציען-ראַט האָט ניי-יאָהר...

אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע זאַך האָט, פאַר'ן שטעהט זיך, דער ה"ה קאָמערציען-ראַט אַ גאַנץ קאַפּיטאַל שילות מיט יודישקייט. צו תפילין די עמוּלבע מאַל און יאָהר, וואָס ער קומט צו אַ זיצונג אין דער געמיינדע, וואו ער פערנעמט אַ בכבוד'יגען פּלאַץ שוין צוליב זיין מוטעל, דאָס ער קען צוגעט נישט פאַר ייִדישע ענינים.

צוויי מאָל אין יאָהר דערמאָנט ער זיך אַבער, אַז ער געהערט צו דער „אַמאָל-עליטעשער רעליגיאָנס-געמיינשאַפט": ראָש-השנה און יום-כפּור.

ראָש-השנה איז פאַר איהם זעהר אַ ליכטער און חשוב'ער יום-טוב. ער איז נישט מתיבר צו האַלטען געשלאָסען דאָס געשעפט... בלויז ערב יום-כפּור איז ער מודיע אין דער צייטונג, אַז מאָרגען בלייבט דאָס געשעפט געשלאָסען וועגען „האָהע פייערטאָגען". אַבער נישט חס ושלום אַ גאַנצען טאָג, נאָר ב.ז... אַ זייגער 4 נאָכמיטאָג. ראָש-השנה אַבער, אַז נישט קען מיר. ער בראַכט נישט חלילה צו האַלטען קיין געשעפט-טאָג. פערקערט: דער יום-טוב פערשאַפט איהם נאָך אַ שמחה'על נחת רוח, אַ ביסעל שפּאַס, ווי ער דרייט זיך אַרום. ער קומט אין דער פריה אין געשעפט, שמעהען שוין אַרום געשטעלט מיט הלנה די עמוּלבע פון אַנגעשטעלטע אין בעשטעמט, גרייט צו גראַטולירען דעם שעף און וואַנשען איהם אַ גוט און גליקליך נייעס-יאָהר.

אַ זייגער צעהן פאַהרט ער מיט אַ שעהנעם ליבעראַל-אויטאָמאָביל אינס טעמפּעל. דאָרט פערנעמט ער אַ פּלאַץ מאַקע אויף דער מזרח-וואַנד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שעהנעם ייד... און בעטראַכט מיט רחמנות'דיגע נאָכגעלבקייט דעם אַרומיגען עולם. בעט'ן פּרעדיגט, וואָס דער ראַבינער האַלט לכבוד ראָש-השנה, זיצט דער דער קאָמערציען-ראַט מיט אַנ'אַראָפּגעלאָזען קאָפּ און — מראָגט מכח אַ גוטען, נאָר וואָס שיינע-בלויען געשעפטס-אַריסטיק...

קוים דאָס מען טעהנט די צייטען תקיעה, הערט דער מחותן-לאַר'ש מוס'ן אַרגעל דאַבען אַפּגעזונגען „ובנותיו יאמר" — געזונגענע זיך דער דער קאָמערציען-ראַט ווי'ן ראַבינער, חזן און אַנדערע פּליי קודש, נישט פערגעסענדיג אַפילו צו געבען „טרינק-געלד" דעם שמש, וועלכער בעגלייט איהם אַרויס צום אויטאָ. אַ צופרידענער הערפאַר, וואָס ער האָט זיך פּלַכּם, בטוח'אין דעם גאַנצען-רירונגען, פאַהרט ער צוריק און געשעפט, צו שפּרינגען ווייטער לויפענדיגע געשעפטס ענינים...

אין קלויז.

לא אלמן ישראל! און דער וועלכער שטאָלץ פ.'ם דער קאָמערציען-ראַט לויט בען נאָך אַנדערע יודען: פּשוט'ע, היימישע יודען. אַ שטיקעל קפּוץ גלויות: יודען פון גאַליציען, פּוילען, רוסלאַנד, חיי-מען קען, בעסאַראַביע און אַנדערע מדינות. דאָס זיינען יעדען גרויסע ייִדישע שטאָט איהר שטיבלעך. דאָס רוב גאַליציאַנישע: יאַסער שוהל, בעלזער שוהל, בראָדער שוהל, לעמבערגער שוהל, קראָקאָווער שוהל און נאָך און נאָך. אונטערדעם אַז, אַז קען שמאַט פון פּוילען אָדער רוסלאַנד, האָט נישט זוכה געווען צו האָבען אַ מקום קדוש אויף איהר נאָמען. צו ס'איז נישטאַ קיין מזל — גער האָט סגולות פון רבונו של עולם!

חסידים האָבען אַנ'אייגענע קלויז. מען אַנ'אייגענע היימישע חסידים-שטיבעל, וויאָ אין לאָדז, למשל, אויף דער פּוילנאַנאָ, און פאַרשטעטל... נאָך, מיט אַ פּיסעל עפּעס און אַבער אין אַ גאַנץ האַנדמער צוזאַמען דער חנך, די שוקר. אַ ביסעל אַנ-געמייזען. פּאַליטשעס מיט גלאַנציגע און צוריקגע מיט ספרים-ראָקעס. אַ שמיקעל שנאַר און לאַנג געהאַנגען. גאָרנישט פאַר דער געמיינשאַפט. פאַרט דייטשלאַנד!

שמעהען יודען — אַ מאָל נאָר אין זיידענע קאַפּאָטען — אינגעהנגלויב און גרויסע מערקווירדיגע פּלאַנים און קעפּ, מיט שייכות אינ'עם און אייגענע עטרות, וועלכע עלט-רויטע קראַלאַווער גאַרטעלן, אין דאַווענען היינט, מיט התלהבות און חסיד'ישען פּאַרען, מאַמשעגלעך דער בעת מיט די חזקה, ישׂראל מתפלל איז אַ וועלט פאַר זיך. אַנ'אַנדער נוסח. שמעהט אַ סשטאַרקאַוער חסיד נעבען אַ בעלזער, אַ גערער נעבען אַנ'אלעקסאַנדרער, אַ בעלזער נעבען אַ סאַדיגורער. יעדער פון זיי האָט שוין זיין נוסח, זיין רבי'נוס הויף-טראַדיציע און מנהג. און דער אַלטער חיים ווען זיך אַשר גרויסע דעם שנאַים, געפאַהרט דעם פערבינדונגען קאַמף צווישען זיך. וואָס בײַ אַ נשרט איז געווען כשר, איז בײַם אַלעקסאַנדרער חסיד געווען טרפה, אָדער אַרום פערקערט. דאָ אין פרעמדען לאַנד איז מען געוואָרען אַ ביסעל אַ מאָנאָטאָניש, פערלערען דעם רבי'שען הויף-פּאַרטיאַטיזם, דער מאַרק האָט זיך אַ וועלט געטאָן. נישטאָ קיין יונגע כּחות, וואָס זאָלען נעמען און זייערע דרכים, פאַרטזעצען.

דעם אַלטען לעבענס-שטייגער און וועבען דעם אַלטען מאַראַדיציאָנעלען נאָאַלדענעם פּאַדעם. נעמט מען זיך צונויף, פּלנים מען צוזאַמען די דעמעלער, די שאירת הפליטה פון דעם געזעלשעפט, קלאַמערט מען זיך פעסטער צוזאַמען, ווי אַ מאַשינע דערשראָקענע שעפּסעלער, וואָס אַלע צוזאַמען פאַר'ן זעלבען פּסוק. — און מען שאַפט זיך אַ בעשׂרה'דיגען קלויז, אַ שטיקעל מקום מבטחה, אַ זכר פון דעם געוועזענעם. און פאַר יעדען איז דאָ האָט פּלאַץ! פּונקט ווי אין אַ לאַנגער פון גרינען-געגענד, ווער נעמען אַ העימישען פאַלאַץ איז געלעגען אַ פּראַגמאַטיש, אַרער אַנ'ענגלענדער. פערשידענע נאַציעס, פּרעמדע שפּראַכען, זיטען און לעבענס-געוואוינהייטען. אַבער די גוים, די שטעט פאַר'ן געמיינזאַמען פּינקט האָט זיי דער געמיינשאַפט, פערפערדערט איינעם מיט'ן צווייטען.

אחר קאַנט דאָ העראַ די שענסטע חסיד'ישע נגונים און שמייכלעך. פאַר-דאָן רבי'ישער, איבערפאַרזעצט „אימונטערלעבער", וואָס קומט קיין דייטשלאַנד זאָל לען נעהל פאַר פערשידענע צדקה-צוועקע. קומען אַין דאָרט געשיקט דאָ אַלס שליחי ציבור.

פּראָטעסט און קלויז! צוויי מקומות, וואו מען איז מתפלל צו איין גאָט, וואָס פאַר אַנ'אונטערשייד און פאַרהאַן צווי-שען זיי בײַדע!

זאָאָלאָגישער גאַרטען.

און דער וועלכער שטאָט, אַנגעצוויגען אַ פּאַר טויזענד נאַנצע פאַרציווילירטע אינגעהר פון צערעמען, איז פאַרהאַן נאָך אַ תל'ס...

און וועלכען יודען קומען זיך צונוויפען ראָש-השנה דאַנען? און זאָל פון זאָאָלאָגישען גאַרטען. סעפּטעמבער אַן קלויז. יעדער פון זיי איז אַ פּעסמען יודישע לעבענס-אויפאַטמונג, האָט אַ געוויסע אָרטיגע, אַ מראַדיציע; פּראַטעסטאַנטישע און לבבערגער יודענטום. מ'קאָן אַפילו מיט בײַדע נישט צופרידען זיין, נישט מספּים זיין מיט זייער בעציהונג צום רעליגיעזן יודישען לעבען. מען מוז אַבער מודה זיין, אַז זיי האָבען על כל פּנים אַנ'אייגענעם פּרעשטיזשען, ווע, הייליגען וועלכען טראַדיציע, די אייבעיג פּראַוואָקאַציע פון דעם נאַטירליכען זאָל פון זאָאָלאָגישען גאַרטען, שמעהט אַ מאָל וועגען אַ מעשה-שפּיל עדות יודען. מיט שטאַרק-טויזענדע, מיט עלטערע מלחמות און צוויי קליינגעשרי, אַ מיש-מאַש. גאַנצער דלות!

שטעהט אַ חזן אין גאַ-עלם זיך, דאָכט אַ עברי, אַזש עס גרו'ילט. און אויף זאָל זיינען אין שמעהען קאָמפּלעקטע יודען און מען צו'עשׂהט אין הוזק'ם צו פון זיך אַליין דאָ זאָן דאָרט. זעהט מען נאָך, ווי אַנ'עלטערער ייד שטעהט אינגעהילט אין כּלית כּנס צו'עלטער גי פּנים און רעוויעמט שמועל פון זיך. זיך דערמאַנט מן הסתם אין זיין חבר'ים אין דער אַלטער חיים, אין דער האַרציגער וואַרשע דרושה פּ'ם רבי אין אַ בעקאַנטשאַפט דאָס דער אַרויפקוק בײַ אַלעמען אין דער היים און פּערצעגט איהם אַוועק אייגנס אין אַלע ווייטע מקומות...

דרויסען, אין זאָאָלאָגישען גאַרטען שפּאַצירען די יעגער, די אָראַנגען און קינדער, מאַרוציס און גרעפּלינגען, אַנ' אויסגעפּוצטע און אויסגעשמיקטע. קלאַנג דער שוין געבױרען און הערצויגען און דײַטשלאַנד. אַ יעגער, וועמען ס'איז לגמרי פרעמד אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יודענטום און צו יודישקייט. מען געהט מיט „פּאַ און מאַ" און שוהל, וואָס איז אַגב זעהר אינגענעהם. פאַרהאַן אַ פּראַכטפולער זאָאָלאָגישער גאַרטען מיט אַלערליי חיות און עופות, פיינע בעזעק צום זיצען און שמועס מקומות און ווינ-קעלעך צום פלירטעווען... און נישט צו פערגעסען — די מאָדע-שוי! שפּאַצירט זיך גראַציעז און מאַנערטעג די משפחה סמאָ-יעגער, אינגעמען און די שענסטע און נייעסטע מאָדע-גאַרדעראָבע און מען מראַכט קאָמענטאַרען אויף וואָס די וועלט שמעהט.

דאָ האָט איהר שוין אויך אַ גאַנץ נייעם, אַ ניי מין יודען, וואָס איז בײַ איהר און פּוילען, גליוב איך, גאָרנישט בנמצא, געמיינשאַפט חתונות-יודען. אַ הופּשע צאָהל גרוי, בלאָנדע דײַטשען מיט עלט-שוואַרצע אַסט-יודישע בחורים קומען זיך אויסבעטען אַ כתיבה וחתימה טובה בײַם רבונו של עולם...

איהר בעגעגענט אויך דאָ יונגע דײַטשע קעפּ, וואָס קומען מיט ערנסטע פּנים'ער גראַטולירען און אַפּוואַרטען זייערע פערעהרער, אָדער געליבטע, פ.נ.'ס גאַמקעס דוגמס...

אַזוי שאַפט זיך אין דײַטשלאַנד אַ נײַ מין יודישקייט: אַ זאָאָלאָגישער-גאַרטען-יודישקייט...

ראַקעטען
אַ זאַמלונג קאַלאַמבורען
פון אַ מיק (לאָדז)

ס'איז אַ סך לײַכטער צו זיין אַ בעראָהמטער, איידער אַ — בעריהמטער...

שמאָרבען דורך זעלבסטמאָרד איז אַנ'אַמאָראַלישער טויט; שמאָרבען דורך האַמאָרוידים-בעהאַנדלונג — נאַטירליך...

דער גרעסטער פּעסער איז נישט בחנם, צו מ'וועלט איהם אויף אַ גוט-אייגענ-שלאָפענען — — פּעס...

אַנ'אינטעליגענט קאָן האָבען צ'פערדאַ-בענגע מאָגען און זיין אַ גרויסער יודען — פּרעסער...

דער מענש איז קלוגער פון אַלע חיות. אַ סימן: קיין שום חיה און דער וועלט בעשעהט נישט אַליין אומער זיך קיין זעלבסט-מאָרד. בלויז דער מענש איז אַזאַ בעל-שכל, וואָס פערשטעהט די חכמה זיך אַליין צו נעהמען — ס'חיות...

מ'בריוף נישט זיין מוזיקאַליש געשולט צו קענען גוט שפּילען — יענעם אויף די נערוועין...

דער מענער איז נישט אַזאַ בעשת-בנים ווי אַ באַבערונג: ער שטעהט זיך אפּגעמאַן זיין ערבעטס מיט אַנ'אַפּגעמאַך געזונטען, און פערשטעהט עס, פ'דוב — מיט אַ מאָס עס...

וואָס מעהר אַ שפּור מאַכט זיך נאָכ דעם האָלז, אַלץ מעהר קריגט ער — אויסגעטעטע־קענטעס בוויער...

מ'קאָן זיין אַ מיזאַנטראָפּיש-פּערשלאַ-כענער מענש און האָבען און נאָך אַ גרויסע — אַפּיטע קאָמאַ...

די גרעסטע בעקאַנטשאַפט זעהען די פּאָ-ליציאַנטען, וואָס שמעהען און די בע-לעבאַטעס דאָרט: אַלץ מאַכען זיי אַוועק מיט דער האַנט...

ביז מ'קאָן שוין געהן ראָש השנה צו תשליך, ווערען צוערשט גוט אויסגעבעלט — דורגס — די מאַשען...

יום-כפּור ווערען יודען מאַטעמאַטי-קער: זיי געבען דאָס אַם אַדין — ווחשבון...

אויף די וועגען פון ליידען

פון **יצחק קאצענעלסאן**

א.

„ארים, אך ארים איז דאס לעבען!“ אזוי זאגען מיר יעדער אפט. מיר זאגען עס אבער נאר אזוי, און אמאליגע צרות מאכט רופען מיר אזוי אוים, און דער אמת'ן אבער איז דאס לעבען וועמט ניט ארים, מיר קאנען זיך אבער דעם לעבען נישט בעמשלטיגען. מיר קלאמערן זיך אן דאס אייביגע לעבען מיט אונזער שוואכע הענד און קאנען עס נישט אנגעמען פעסט, און האלטען עס און הארבען עס, דאס לעבען. מיר זעגען אט ווי יעמער פויגל, וואס זעהט אויפשר זיך די פולע טרויבען, אנגענאסטע מיט זאפט, ער בעלעקט זיך דער פויגל, די אויגען די גלוסטיגע צאלאנצען זיך בייאיהם... וועה איהם, דעם פויגל! זיי וואקסען הויך די טרויבען, און ער רעגט ווגגערט און זיין אנגעהאלטענקייט. ער זאגט עס אבער נישט ארוים אפען, ער איז זיך און זיין שוואכקייט נישט מודה: „די טרויבען, זאגט ער, טויגען נישט, זיי זענען נישט צייטיג, די ציין און מויל ווערען פון זיי אפליג...“

לאמיר און אונזער ארימקייט נישט לייקענען, אז דאס לעבען איז ארים. ווייל דאס לעבען הענגט אונטער אונז, ווי זאפטיגע טרויבען, און מיר קאנען עס נישט דערגרייכען. מיר! מיר זענען ארים און פארגרעניצט און אונזערע כחות.

ב.

מיר האבען, דאכט זיך, רעזיגנירט, מיר האבען געזאגט: פע! פאסטרייכן! אפגעקערט זיך פון'ם גרויסען און אויסגעלאגענעם. דער כח אבער אמוועגער און די גרויסקייט איז דאס, וואס מיר בעטען זיך אויסער, מיר מאכען שלום מיט'ן לעבען, הויבען וויידער אן פלאנירען און די אלע ווענען, וואס פיהרען צו איהם, צום לעבען. מיר רעזיגנירען און אנגעוער שוואכקייט און הויבען אן גלויבען — פון כחות פון פרישע, וואס אנבאשרשוועג מען אונז. וועג כחות וועג פרישע אנבאטר שוועסען אונז — שלאגען מיר זיך על חטא. מיר הויבען אויף אויגען פאר גלאנצע און פרומע צו בערג צו אויפגערוסענע, צו ווייטע פעלדער, צו ימ'ען צו מדבר, צו אייביגע הימלען — נישט אהער! נישט אהער! דאס זענען מיר אזוי ארים און קליין, אנגעזאגע השגות זענען עס די קליינינקע, די געמוזיקניקע...

די העכער אונזערע די שוואכע, וואס האבען זיך און זייער שווארצקייט געהאט ארופגעלאזען, די העכער אונזערע, פון וועלכע דער לעצטער טראפען פליסט און אפגעלאפען און זענען אנטכעלטעט אנגע־דערגעפאלען — וואס קאן זיין מיתלמדגעשה און הערליכער פון אט דיי העכער אונזערע, העכער, וואס שלאגען זיך על־חטא. העכער אויפגעבלאזע, אויפגעציטערטע און א וועג און הארצען ארויין, און אוועגעם.

האבען חרטה, ס'הייסט צעדריקטען און מאכען שלום — איז אבגעבאטען פאר א נישט גאר גרויסער נבהדה'שאפט. חרטה אבער און אמקערהרעג זיך אויף צוריק — ווען עס קומט פון דער מוף — איז פאר יחידים פון דער וועלט; מען פערגלייכט די אויגען פאר פחד וועהטה און מען מוט, וואס פון גבור און דער וועלט איז נישט בגבולת צו מאן, שלאגען זיך און אייגענעם הארצען!

מטיגער חבר מיינער, האסט זיך פון מיר אפגעשווארצען, פערלאזען מיך, און בויסט צו מיר צוריקגעקומען, געפאלען מיר אויפ'ן האלז, בויסט מיר געווארען מעהר ווי א חבר, א ברודער בויסטו מיר געווארען און'אייביגער!

קעהרען מיר זיך אום צום לעבען נאך א ברוגז, געשעהען מיט אונז וואונדער. מיר פאלען דאס לעבען אויפ'ן האלז, מיר דערנייסלען אונזער אייגענע כחות, מיר רייסען די פולע זאפטיגע טרויבען און ווארפען זיי לעבעט, אזוי דער מוגרסמער, אנשמערענגגג און מויל.

וואס אוועגעקליך איז געשעהען? א קליינינקייט נאר. מיר, וואס מיר האבען אויפגעגעבען, רעזיגנירט, ס'הייסט געפאלען, האבען גערעכנט א מפלה אויפ'ן שלאכט פעלד, מיט אונז איז געשעהען א נס, מיר זענען אמגעשלאגען א גאנצע גאלט טוימער. האבען מיר זיך מיט'ן פרהמאנגען אויפגעשאפט, אויפגעשטעלט זיך, אויפגעצלגלט די בייגער די באיינער און דערהאלטען זיך א נייעם, פון וועלכען עס האט זיך אונז גיט געחלומ'ט — מיר האבען גאר געזוגט!

ג.

רעזיגנירען איז שטארבען, ס'הייסט מיט אויס מלאכה אנ'אנגעשעהטע, וואס הייסט שטארבען, ס'איז אבער נישט גע־שטארבען... א מענש, טרעפט זעהר אפט, שטארבט און שטארבט. ס'הייסט, האלט א צייט און קומט, און גיט זיך פלוצלינג א ריעז אויף און בעט און דערנאך א מינהל זיך אויף: איך לעב!

ער איז געווען טויט־קראנק, מוט א פוס שוין געשטאנען אויף יענער וועלט. דער קרענק האט אפער געמוזען און ער איז דא, מיט אונז, א אונגערגער איז ער! א הונגער, און נאך מעהר הונגער, ווי מיר. ער איז געווען און געפאהר, גע־ווען און שוים פון טויט און געראטען צוריק; א מענש, וואס איז געווען מיט א פ.ס. אויף יענער וועלט, האט מעהרה שייכות צום לעבען, ווי די, וואס ווייסען נישט, וואס די טוירען פון טויט זענען. דער טויט איז מיאוס, פון זיינע קרבנות שלאגט א שלעכטער ריח, זיין אטעם און זיינע לאפעס און ארויסקריגען זיך פון זיי — הייסט זיין א העלד. ער האט טאקי רעזיגנירט, ער איז געווען אויפ'ן וועג פון „אויפהערען“, פון אויפלעזונג. ער איז אבער ביי דער רעזיגנאציע נישט גע־בליבען און די רעזיגנאציע בעקומט דעם טויטעמסטען חן.

רעזיגנירען — דאס איז אונזער גורל, רעזיגנירען זיך פון אונז, בעקריגען זיך פון זיינע ביינערדיגע הענד, ס'הייסט מלחמה האלטען מיט'ן גורל, פיהרען מיט איהם א קאמף... אזוי וואויל אונז!... דער מענש איז נאר גיט אזוי שרעקליך, ווי מען האט איהם אונז געמאלט. ער איז האך שטארק, און גרויס, צום בעזיגען! מען בעזינגט איהם מאכט, דעם מענש: מעפיסטא, אשמדאי, סמאל — ווער פון אונז האט זיי נישט פערהערליכט? יא, יא, מיר בעזינגען אונזערע רעזיגנאציעס, אזוי ווי זיינע זע־נען זיי, די רעזיגנאציעס אונזערע, ווי העסליכע זיינער, נאר ווי מיר שלאגען זיך פון זיי אפ, ווערען זיי דערהויבען אויף צו בעזינגען ווערען. דוד המלך'ס שווערער חטא מיט בת־שבע האט גע־קריגען א תקון און א קאפיטעל תהלים. וואס איז דשאן דשאק רוסא'ס, מאל־סטאי'ס און אנדערע ווידויים, אויף נישט לידער פון בעקאנטענישער זונה? א קלאנג און הארצען — פערהייליגט, און בווידע, אז דער רשע, אז דאס רשעות, ווערען אויפגערייניגט פון און דעם הויך.

ד.

אויפגעריכט וואלען מיר שוין ווערען, אלע! מיר מענשען מוזען מאכען אפ־מעסט און די אויגען, און בעידע אויגען אונזערע, פון וועלכע עס שלאגט ארוים א פרייד. אמעסט און פרייד, פרייד אלויין וואלט נישט געטויגט, נאך די פרייד, וואס קומט נאך אנ'אמעסט און גרויסען, דאס הייסט — אויפגעריכט ווערען.

א שמייכעל, וואס שמעקט זיך און א טרעהר — דאס איז דער אמת'ער שמיי־כעל, וואס דערפרעהט א וועלט. די שמייכלען וועלען אנהויבען מיט שטערן און מזלות ליכטיגע, וואס לאכען צו אונז אייביג אראפ פון די הימלען. א טרעה־רען זאלציגע, קומט בעגעגענט די וואונדער די שמייכלען מייניגע, וואס דארפען אנקומען, ווי א טרייסט. א טרעהר א שמערציגע פערדריקעלט דאס אויג, די אראפגערונענע וואשט די אויס. די גע־שטארבענע — זענען אוועק פון אונז אויף אייביג, ווער ווייס? אפשר האבען זיי א מור א גרויסען מוט זיך און קבר געטראגען. געשטארבענע האבען שלעכטער אויפער די מיזלער, קומט, לאמיר אנטקעגען גיין די, וואס זענען געוועזען אויפ'ן גרעניץ פון טויט, די געלויטענע און די ביים לעבען געבליבענע. מיר וועלען זיך פרייען מיט זייער דערקענונג, און זייעריג ליכטען וועלען מיר נאר אנגערעש אויפגעטומעלט און אויפגעלעבט.

א חלף איז זיי נעלעגען אויף די העלז, דער דערנבער ווייסען זיי, ווי אזוי אוועק־ביימען דאס לעבען. זיי, אז זיי קומען צוריק צום לעבען — מעלדען זיי זיך נישט גאר־נישט. זיי פערטען נישט בלויז אויבער דער פלאג פון דער ערד, זיי קוקען און תוך ארמן פון לעבען, זיי דרינגען ארמן אויף דער ערד און דער הארץ פון לעבען און אי־בער'ן לעבען. מיר, פערפינצטערטע, געצעטערטעלטע, מיר קינדער פון אנשטער דער מאמע'ס פאטער, האבען נאך גיט געוואוסט, אז ס'איז דא „איבער'ן לעבען“. די, וואס זענען געווען פער־משפט צום טויט און אפגעראטעוועט געווארען — קומען צוריק קלוג. אויף דער גרעניץ פון לעבען און טויט ליגט די חכמה, וועלכע ער עס און הארט געווען ווייס פון אויבען און האט געפינען וואס פון איהם מוטגעבראכט.

ה.

„איבער'ן לעבען“ — איך האב עס ערשט איצט געזאגט, און דאס ראזיגע ווארט. ס'איז מאקי א שטארק ווארט, נאר נאר שטארק האב איך עס נישט גע־מיינט, ווייל מאמער פערגעלטיגט מען זיך און מען גרייכט אן דאס לעבען, און דאס „איבער'ן לעבען“ שוין א קליי־נינקייט. דער, וואס קוקט גוט דעם לעבען און פנים ארויס, לאפט ליכט א קוק אויך איבער'ן לעבען. שוועהר איז נאר ביז דאס קינד שטעלט זיך אויף זיינע פעסטע פיסלעך. דאן ער אבער נאך מאכען דעם ערשטען טריט אויף גאט'ס ערד און ער וועט שוין לויפען משוגע'נערהייט איבער גאר דער וועלט.

בראשית — און אנפאנג איז געווען די אינצאמקייט־נעהמען. מען איז געווארען ברוגז און מען איז אוועק פון פאמען'ס מויש און דער פרעמד, און לאנד, וואס רעזיגנירטע וואינען, האט מען זיך אויס־געגעסטעט און געקומען צורוק, דער־וואקסענע שוין מיט בערד און גע־קנייטשט, מען איז צוזאמלען צום טא־טען'ס מויש, דערפרעהט זיך מיט זיין נחלה און געווארען זיינע שותפים.

די צוריקגעקומענע צום לעבען, דאס הייסט די, וואס זענען פריהער מעשה־יעקב'ל אוועק פון איהם, אנטלאפען זיך און געקומען צוריק, ווערען מיט'ן לעבען נישט אויפ־צו'פלומ'שט חבר, מאכען שיתפות מיט'ן רבונו של עולם. און אז מען איז גאט'ס א שותף, לאפט מען, מעקט ווי ער, א קוק אויך איבער'ן לעבען... די, בורא עולם, וואסט פון אייבען און פיהרסט אן מיט דיינע וועל־טען. אט גובען מיר זיך אויך א הויב און דיינע הוילען, די האסט בעשאפען, מיר וועלען דיר נאכטאן.

דער גיהנום איז אונזער, דאס ארט, וואו מענשען קומען אפ, איז אונזער. קומט און האקט אראפ, און שאול תחתית! לאמיר זיך ארגנטערלאזען און די טיפענישען פון פיינען און ווערטמאכען גרויסע, לאמיר זיך אנזעטיגען מיט ליוד פרי ליבלעכער אויפגעהויבען זיך און הימלען און הויכע און טון דארט אט דאס וואס עס טוט דארט דער רבונו של עולם — שאפען!

ו.

די וועגען, וואס פיהרען צום שאפען — דער קאן זיי דען בעצייכענען! אייגענע פון זיי, פון די אויסגעטראטענע, איז דער וועג פון ליידען. דער טאטערשער־וועג, די וויא דאלאראזא. דאס איז א וועג א לאנ־גער, א וועג פאר יחידים. צווייי צוזאמען בעגעגענט מען נישט אויף יענעם וועג, איינזאמע געהען זיי איהם צודורך, קיין אנלעהן, יעדער רוף פאלט ווי און א מדבר, דערוואכען זיך אויף א צווייטען קאן מען נישט. א שרעק בעפאלט אייא אייגענעם פון אונז, פון אט דעם וועג, אזוי צו מיר וואלטען פערשווארצען אונזערע פריינד און די פריינד פון אונזערע פריינד: א, געהט נישט, געהט נישט אויף דעם וועג, וואס פיהרט צו שאפען! מיידען וואלט איהר איהם, דעם וועג. דער וועג, וואס פיהרט צום שאפען, איז א מסוכנ'דיגער, נישט אלע, וואס בעטערע מען איהם, געהען איהם אדורך בשלום; מען פערחלש'ט באלד און אנהויב פון ראזיגען מדבר, מען בלייבט דארט און מיטען, מען שטעהט אפ, א סך נאר א סך דערגרייכען איהם נישט ביז'ן סוף, ווייל דער סוף איז א ווייטער, אנ'אונגעדליבער, ווייל ער געפט נאר קיין סוף נישט. עס לייטערט שוין, ליכטיגט, האבענדיג דעם קאפ איבער די שטערן, בעהערשענדיג, ווי געמער שוין דאס לעבען, שוועבענדיג שוין איבער איהם, נעמט באר די דארי־נען־קרוין פעסט ארום זיין קאפ, און מען איז נאך פער'משפט אויף ווייטער ליידען.

קוקט נישט איפ'ן שמייכעל, וואס איז אויסגעגאסען אויף די ליפען פון די גע־ליטענע, פון די, וואס שאפען, פון נאצ'ם שותפים. קוקט נישט, וואס די לופט שטראלט זיי פון די קלארע אוי־גען — מען ליידט! מען ליידט!

זיי זיצען עס, די צדיקים, אזוי אין זייערע גרויסע ליידען און שמייכלען אויף דער פרעהען א וועלט.

—0—

דער גרויסער קאמף צווישען רבי'ן ר' מלך

צוזאמען מיט א קרעטשמער־יונג נעגען דעם שטן, לילית און זייער חבריה.

(א ראש־השנה־מעשה'לע)

— פון — **מאיר הערץ**

דער רבי ר' מלך פון ליזשענסק האט געהאט אלע זיינע יאהרען א געוואוינהייט ארומצוואנדערן אויפ'ן פערשיידענע שטעט, שטעטלעך און אפילו און די סער דארפיגסטע דערפער. דאס זיין אוונמער־הוג איז פאר איהם געווען א ווילסטיגער ענין. דורך זיינע שטענדיגע נסיעות האט ער פיל געלערנט און דערקענט די מענ־שען פון גאט'ס ערד, ווי זיי לעבען, ווי זיי טראכטען און בכלל ווי זיי זענען זיך נוהג און זייערע אויפפיהרונגען און בעצוג צו זייערע חברים, בעקאנטע, קרובים און סתם צו אלע מענשליכע ברואים.

אויף זיינע וואנדערונגען האט דער רבי ר' מלך זיך פיל ערפאהרען און ער איז געווארען בקי און אלע וועלט־זאכען. ווען קלוג און ווייט איז האט כהרף עין דורכגעדרונגען די נשמות און די הערצער פון אלע פערשיידענע מענשען, וועל־כער ער האט בעגעגענט אויף זיינע נסיעות. דאך אלץ האט איהם שטארק געצויגען צו זיינע הימעל־שמייכענע מדרגות. ער האט אויף זיין וואנדער־וועג אנטדעקט פערבארגענע צדיקים און ל"ו־ניקעס, וואס זענען געווען פערהוילען פון יעדען מענשליכען אויג און געלעבט ערגיץ און א ווייטען העק פערווארפען און קיינער האט זיי נישט געקענט און קיינער האט פון זיי נישט געוואוסט.

דער רבי ר' מלך האט געזעהען אויף דער וועלט פיל רשעות און אכזריות, וואס אויך מענש איז בעגאנגען געגען צווייטען און זיינע תפילות. וואס דער רבי ר' מלך האט פערלענגט און וואלטען און הימעל זארגנישט פועל רחמים געווען, ווייל לילית מיט איהר פתח האבען צוגעפאסט גאנצען אלע חטאים, עבירות און פער־פ־עבענם און מיט זיי בעוואפען די ווא־שאל פאר'ן בית־דין של מעלה. ווען ניט דער זכות פון די בעהאלטענע צדיקים וואלט איהם ביינעשטאנען, וואלט דער רבי ר' מלך נישט אויסגעמאל בעוואגט גע־וואהרען און אויף יודען וואלטען נגזר גע־ווארען שלעכטע גזרות.

דער צוועק פון רבי'ן ר' מלך'ס נסיעות זאגען געהאט א דאפעלטע בעדייטונג: צו הייט מעגליך, האט ער זיך בעמיהט וואו נאר ער איז געקומען און בעטערקט שלעכטע מדות, האט ער יענעם מוס זאגען אמנגענומען, דערוואקט און איהם רחמנות און איהם מחזיר למוטב געווען, און צווייטענס איז איהם געגאנגען שטארק דערין ער זאל ענטפלעקען די ל"ו־ניקעס, די בעהאלטענע צדיקים, וואס זיצען במסתרים און מיט זייער עניות און צדקות האלטען זיי אונטער די זיי־לען פון דער וועלט. ער האט זיי אויפגע־זוכט און נאכ׳ן זיינע טויט, בעפאר זיי זיינע שטארבען, מיט דער שטערבונג, בעפאר זיי זיך צו אנטהאלטען פון דער וועלט מיט לילית'ן, און האט פון זיי דער הילף צו זיינע מלחמות מיט לילית'ן און זייער חבריה.

זוכט מיט דער שטרעבונג, בפרט זיי צו הילף צו נעמען ביי זיינע מלחמות מיט לילית'עס קעגנערדיך, וואס האט שטענדיג בעוואפען דעם בית דין של מעלה מיט געפעהרליכע מקטרגים אויף יודען.

איז געווען אמאל א יאהר, ווען דער רבי ר' מלך איז געהאט ארומגעוואנדערט איבער שטעט און דערפער און וואו ער איז נאר אנגעקומען, האט אומעטום גע־הערשט שנאה, קנאה, נקמה און אייגער האט דעם צווייטען געוואלט דורכ'ן פאר א פרוטה און אפילו פאר פארנישט און אומזיסט. האט דער רבי ר' מלך געוואגט די שלעכטע מענשען תוכחה, זיך געבעטען ביי זיי רחמים: ס'טייטש, יודען בני רחמנים, פארוואס טוט איהר אזוי פיל שלעכטס? לא די, וואס איהר ווייזט גיט ערוים קיין מיטגעפיהל צו יענעם'ס צער, טא פארוואס ווילט איהר נאך זיי אומ־ברענגען, ס'טייטש? היתכן? האט פארט רחמנות אויף אייערע נשמות, איהר האט דאך אויך קינדער, חערבארימט זיך אויף זיי און טוט תשובה — אבער ס'האט גארנישט געהאלפען. מען האט דעם רבי'ן ר' מלך אויסגעלאכט און איהם אנגעגומען פאר א משוגע'נעם. יעדער איינער האט איהם געענטפערט: ר' פעטער, אומזיסט אייער טרחה. היינט איז אזא וועלט: וועל יאך יענעם נישט בעגראבען, וועט יענער מיך בעגראבען.

איז דער רבי ר' מלך דערצייט געווארען. דא איז שוין ראש חודש אלול און דער יום־הדין איז שוין אזוי נאהענט און זכותים אויף יודען זענען אזוי וועניג. איז דער רבי ר' מלך ווייטער געלאפען אוי־פער וועלדער און פעלדער און דער שטן מיט לילית'ן זענען איהם אויף יעדען טריט נאכגעלאפען. אויפ'ן נאכטען ווען האבען זיי איהם אויסגעלאכט און נאכגע־שריגען: — העי, מלך'ל, אמל נישט אזוי, וועסט אונז היינט נישט בעקומען. דיינע יודעלעך זענען פיל מיט עונות און חטאים. אט גיב נאר א קוק אויף אונזערע פעק און זעק, וואס מיר פיהרען מיט אונז מיט, זעה נאר וויפיל מיר האבען שוין צונויפגעזאמעלט. לאא־לאא־לאא, אוי, מלך'ל, מלך'ל, וועסט דעם משפט פערשפילען, וועסט אונז שוין מעהר נים מנצח זיין. ניין, ניין, ניין!

האט זיך דער רבי ר' מלך אומגע־קוקט און א שרעקליכע חשיבה האט זיך פערצויגען פאר זיינע אויגען. ער האט הינטער זיך דערזעהען די גאנצע גוואר־דיע משחיתים און שדים מיט'ן שטן און לילית'ען בראש, נאר וועלכע כ'פיהרען גאר גרויסע פיהרען און בריקעם פול אנ־געפאקט מיט עבירות.

איינגעבויגען און דרימען און איינג ר' משענגרוג דעם קאפ און קאלגער האט זיך דער רבי ר' מלך ווייטער געלאזט לוי־פען. אפשר, טאמער וועט ער פארט גע־פינען ערגיץ א צדיק. אדער אזוי לויפענ־דיג איז אויסעגעדרג האט לילית מיט איהר מצפה'דיגען קול איהם ווייטער באגגעשריגען: מלך'ל, לויף, לויף, קום, אדרבא, צו דיינע לומדים, צו דיינע דינים רבנים און צו די ראשי הקהל און הי וועסט זעהען ווי זיי זענען עובר אויף דער תורה, ווי זיי פסק'ענען נישט עהר־ליך קיין דין־תורות, ווי זיי רופען'ן און נאמען פון דער תורה אומזיסט אומשול־דיגע מענשען. אדרבא, געה ארוין צו זיי. איך וועל אויך ארייגטרעטען.

איז דער רבי ר' מלך אוועקגעלאפען צו די מנהיגים פון פאלק, אבער נישט גוט. לילית'עס רייד האבען זיך פארווירקליכט פונ־קטליך. שרייט דער רבי ר' מלך א גרויס געשריי: ס'טייטש, געוואלד, אז איהר זענט עובר אויף גאט'ס תורה, וואס זשע זאל דער פראסטער המון נאך טאן? — ענטפערט מען איהם שוין אויף תורה־לשון: כל האלים גבר — ווער ס'איז שטארקער דער זיגט... אזוי איז היינט די וועלט.

פערקומענדיג אזא תשובה, מאכט איהם אפקעגען לילית און אלע איהרע אונטערשטעהנדיגע שדים און שדות מאנצען־דיגען מיט פאמעשען מיט די הענד: ער האט פערשפילט, ער האט פערשפילט דער רבי אלימלך.

כ'וועט אונזער קעגנער איהם בעזיגען און ס'וועט זיין זעהר פרעהליך.

דער רבי ר' מלך ווערט אויסער זיך. אלע איברים ציטערן ביי איהם אויף און א גרויליכער אימה: ס'איז שוין אנגעגאנ־גען עטליכע טעג צו ראש־השנה און דא זעהט מען גאר נישט קיין ל"ו־ניק און מען הערט נאר. ער טרעפט נישט אויפ'ן וועג קיין איינציגען בעהאלטענעם צדיק. יודען בלאזען שוין מיט שופרות און די שמח־לע און בתי־מדרשים און לילית לאכט זיך אוים פון דעם אלעם. זי פיהרט ארויף און הימעל ארוין פון בעשולדיגען און ביז און דער שפעטער נאכט ארוין גרויסע פאצאזשען מיט חטאים און עבירות צום גרויסען יום־הדין. זי פערשטעלט אלע וועגען, וואס פיהרען צו אלע זייגען הימלען און לאזען נישט אדורך קיין איין תפילות און בכיות. אפילו די קולות פון די שופרות, אז זיי קומען ארויף און דער הויך ווערען זיי איינגעשלונגען פון שטן'ס ארמעה און זיי קאנען זיך צו־מאלט נישט דורכשלאגען צו די הימלי־שע טויערען.

כ'איז שוין א טאג פאר ראש־השנה. לילית טרעטס נישט אפ פון רבי'ן ר' מלך און שוועפט פאר יעדען טריט און זינגט. זי האט נאך מורא: א קשיא אויפ'ן רבי'ן ר' מלך. און דער לעצטער רגע קאן ער פאקען ערגיץ א הייליגען ל"ו־ניק און די גאנצע צרבנות איהרע געהט דאן קאפוט. היום זי איהם אויף שריט און טריט. לאזט נישט ארצט קיין אויג פון איהם. פערשטעלט איהם דעם וועג. דער ווינד קומט איהר צו הילף און איהר בע־פעהל יאגט־אן דער ווינט גאנצע קופעס מיט שווארצע וואלקענעס. ווערט און מיטען העלען טאג שטאק־פינסטער, ווי און א הערבסטיגע שטורעמדיגע נאכט. דער ווינד רייסט אוים ביימער און פייפט ווי מיט מיאוסע רעש'יגע קולות. און לילית מיט איהר לאיאסטרע שטארגנגען און די לופטען און שרייען ארויס: — העי, מלך'ל, מען'ט שוין אויפהערען צו וואנדערן, נישטא היינט קיין נסתרים, נישטא קיין ל"ו־ניקעס, נישטא היינט קיין נאראנגים. אלע, אלע ווילען זיי גע־נוסען פון תענוג עולם הזה. א שאר מער דיינע צופרעפלענע ביינער, האסט פער־שפילט און געה בעסער צוריק אהיים.

דא איז שוין ראש השנה ביינאכט. א רעגען גיסט ווי מיט צעבערס, דונערן קנאלען און טרייסלען אויף די וועלדער פון ארום און ארים און פלאמענדיגע בליצען שניידען דורך די לופט און פערטרע־געגען שיער נישט די וועלט. וואלקען־פינסטערניש מיט בליץ־ליכטונגקייט שפי־לען זיך און א שרים־טאנץ. ביי יעדען מאל, ווען דער הימעל עפנט זיך א פראגל אויף און צעשפאלט זיך, זעהט דער רבי ר' מלך, ווי ס'פאהרען ארויף און הימעל גרויסע ברוקעס פון לילית'עס „אפאר“ מיט עבירות און ביי יעדען דונער הערט ער קוילערן זיך שוין צוריק אראפ מיט־יאגען דערשער פון די ליידנדיגע פיהרען און ס'איז אזא געשריי און ליארם ביז מויב צו ווערען. דאס שרייען און רופען דער שטן מיט זיינע געגנעריש און משרתים: שנעלער, גיכער, לייגט שנעל ארויף נייע עבירות אויף די אויסגעליידיגטע פיהרען. א סוף גיכער, כל זמן דער רבי ר' מלך וואנדערט און וואנדערט, קען ער נאך קיין אויך זכות נישט געפינען אויף די יודען.

ווערט דער רבי ר' מלך שטארק צו־מוטשעט, ווערט שוין אלעין אויך דער־שראקען פון דער קאלעריגער בהלה — אלע ווילען לויפען אונטער אנ'צעפרא־שע'ל און וויל איהם אויך ארויפלעגען אויף דער בהר. צעוויינט זיך שטארק דער רבי ר' מלך און פרובט מיט א צעבראכענע הארץ איין תפלה נאך דער צווייטער. איז מכוון שמות הקדושות און רופט צו־הילף אלע הייליגע נשמות פון גן־עדן. די הייליגע תפילות הויבען־און צו פרוכען די שדים'לעך און זיי לאזען ארויס א קוויטש: — מאמע, לילית, ס'פריהט פון רבי'ן ר' מלך'ם מויל שטראמען ארוים פייערדיגע זיילען. ער פערברענט אונז, העלף אונז, שטארקע קעגנונג אונ־זערע, העלף! נעמט לילית ארוים א פען־פערל און שרייט אן איהרע בעגלייטער: אוועק פון רבי'ן ר' מלך! איהר זאלט איהם נישט אנרירען. ער איז א פלאם־פייער. קיינער פון אייך זאל זיך נישט ענטפערען מעהר איהם אנצורירען. אליין זאלט איהר טאן פון דער ווייטענס. רעכט אלט וועלען זיינע תפלות נישט זיין אזוי היים און זיי וועלען איהם נישט שאד־מען.

דער רבי ר' מלך האט זיך גענעהרט פון איין פוים צום צווייטען. ער האט מורא געהאט צו שטעלען א גאנצען טריט. איז ער געטראגען לאנגזאם, פאמעליך. פלוצלינג און מיטען דעם געוויטער און רעש האט ער דערזעהען ווי פון ווייטענס לויכט זיך פון א פענסטער. האט ער זיך קוים צושלעפט צוזאמען מיט די לעצטע כחות און אנגעקלאפט דארט און טויער, מ'זאל איהם עפענען. דא איז געווען א קרעטשמע און צוליב דעם גרויסען שטורם איז די קרעטשמע פריהער גע־שלאסען געווארען אויף אלע טויערען, ווייל ס'איז קיינער דערמאלט נישט ארוים־געפאהרען.

בעת דער רבי ר' מלך האט דארט אנ־געקלאפט איז ארוים דער איינגעזעסענער מיט זיין האלב־נאקעטען און אפגעריסע־נעם קרעטשמער־יונג און ווען דער אויג־ראר האט דערזעהען דעם רבי'ן ר' מלך אנגעטוהן ווי א שלעפער האט ער איהם ביי קיין פאל נישט געוואלט ארייגלאזען. ערשט אויפ'ן געבעט אין געוויין פון זיין משרת, דעם קרעטשמער־יונג, איז ער ווען דעם פרעמדען שלעפער אוועקגעבען זיין נעלעגער און איהם אוועקשעקען זיין ווינטשערע, האט דער יודישער קרעטש־מער, וועלכער איז געווען א גרויסער קמצן, קוים בעוויליגט און ארייגלאזט דעם אורח אריינצולאזען געפונען.

דער רבי ר' מלך האט געדאוונט מעריב. דער קרעטשמער־יונג האט איהם מאכיל ומשקה געווען. איהם אוועקגעגעבען זיין עסען און האט איהם אויסגעבעט זיין נעלעגער, מתלענדיג זיך מיט'ן בוים'ל שמראי און היי־קוישלעגער, אוועק־געלעגענדיג איהם זיין באנגדע, מיט וועל־כער דער יונג האט זיך שטענדיג צוגע־דעקט און בעגנוגט דאס אלט א אייבער־בעקט. אז ס'איז געווען נאך שפעט און דער רבי ר' מלך איז שוין געלעגען אויף זיין נעלעגער, האט זיך דער קרעט־שמער־יונג שטילערהייט אויף די שפיץ

פינגער ארויפגעשעהרט פון זיין נעלעגער און צוועק אויף שעה'ן לאנג. אז ער איז צוריקגעקומען און דער רבי ר' מלך האט איהם געפרעגט, וואו ער איז געווען אזוי לאנג, האט ער געענטפערט, אז ער האט איז דער שטיל געגאנגען טאקע מיט עסען פון דער קוך און זיי צושראגען צו ארימע הונגעריגע יודען און דעם נישט־ווייסען שמעטעל. איהרער מ'זאל דאס עסען פרויבען ארויסווארפען, האט זיך דער יונג פערטגעפעלערט, איז גלייכער ארימע יודען זאלען זיך אונטערלעהנען דאס הארץ. ווייטער האט דער יונג דערצעהלט אז נאכ'ן עסען האט ער זיך נע'מוב'ל'ט און פ־ישען קוועלטערגען מייך נישט חנוט פון דער קרעטשמע. דער יונג איז צוריק ארויפגעקראכען אויפ'ן נעלעגער, אבער מען זיך אויפ'ן קאפ דאס הימעל ארויס־געשלאפט פון הויזען־קעשענע אנ'אלף־בית און שפילערהייט ארויסקלויבענט רעה־פון. ער האט זיך געשעמט פאר'ן טרעמדען יוד, וואס ער לערנט זיך ערשט אלף־בית און געזאגט מיט'ן לערנען דער מוסער יוד זאל איינשלאפען. דער רבי ר' מלך האט דאס בעמערקט און ער האט זיך געמאכט שלאפען. דאן האט דער יונג נעגומען לייענען הויך אויפ'ן קול: — אלף, בית, גימל, דליד. היא און אזוי ווייטער ביז תיו. ביי יעדען אות האט ער געקושט די ציצית, וואס ער האט געטראגען אויפ'ן הארצען האוץ און אויך געקושט יעדען אות פון אלף־בית.

דער רבי ר' מלך האט א קוואק געטאן מיט'ן פינגער: — א־ווא, איך האב גע־פאקט! דער שטן וועט זיך שוין פון מיר אויסרייבען א שווארץ יאהר. דער יונג געפעלט מיר, ער איז פון יענער חברה, נאך אפשר גרעסער פון א ל"ו־ניק, ווייל ער ווייסט אליין ווי הויך ער איז.

דער רבי ר' מלך האט גערופען דעם יונג און ביי איהם געפרעגט:

— וואס נאר, די ווייסט וואס היינט איז?

— היינט איז דינסטאג, פעטער־לעבען.

— האט דער קרעטשמער־יונג אפגע־הוסט און מיטען לערנען.

— און א חוץ דינסטאג, ווייסטו וואס היינט איז?

— ניין, יאך ווייס נישט.

— היינט איז ראש־השנה, א גרויסער יום־הדין איז היינט אויף דער גאנצער וועלט.

(שלוס — מארגען)

די לעגענדע וועגען הערצל-בוים

(בעזוך אין אַ יודישער סאַנאַטאָריע אין ארץ-ישראל).

(ספּעציעל פֿאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט")

פֿון זלמן זילבערצווייג.

II.

אונטער'ן פֿרייען הימעל ליגען זיך אויסגעלייגט אין ליעווענטענע שטולען 30 יודישע אַרבייטער און אַרבייטערינס, וועלכע זיינען קראַנק געוואָרען פֿון דער אַרבייט. איך שטעל זיך פֿאָר זיי פֿאָר און פֿיהר מיט זיי געשפּרעכען.

דאָס איז מרדכי פֿרידמאַן, אַ שטיינהאַקער פֿון ירושלים. אַליין שטאַמט ער פֿון שטעטעל דוואַרנא, אין ליטא. 5 יאָהר איז ער אין ארץ-ישראל. ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען פֿון דער אַרבייט, און ווען נישט די סאַנאַטאָריע, ברעכט ער צוזאַמען.

און דאָס איז חביבה (מסתמא „ליבע“ אין דער אַלטער היים) מאַרגאַליט פֿון ליטווישען שטעטעל אוואַנטא. שוין מעהר ווי 11 יאָהר איז זי אין ארץ-ישראל. לעצטענס האָט זי געאַרבייט אין שטאַל אין פּתח תקוה, דאָ האָט זי זיך צוגעקיהלט דעם האַלז, שוואַך געוואָרען און מעהר נישט געקאָנט אַרומגעהן.

אָדער דאָס איז אַנ'אַנדערע מיידעל: שרה יאַקאָבי פֿון חיפה. 4 יאָהר איז זי אַלט געוועזען, ווען זי איז מיט 21 יאָהר צוריק אַהערגעקומען פֿון רומעניען. און ארץ-ישראל איז זי שוין דורכגעגאַנגען אַלערליי אַרבייטען, פֿון אַנ'אַרבייט ריין אויפ'ן שאָסיי ביז אַ קעכין אין די אַרבייטער-קיכען. איצט איז זי זעהר אָפּגעשוואַכט.

אָט איז אליעזר טאַלגאַ פֿון סמאָוואַשטשע אין קיעווער גובערניע. ער איז ערשט 2 און האַלב יאָהר אין ארץ-ישראל, אַ בוי-אַרבייטער אין תל-אביב, איצט איז ער נאָך אַ נירען-אָפּעראַציע.

פֿערשטעהט זיך, אַז עס פֿעהלען אויך נישט פֿון עמק און פֿון שומרון: אָט איז דוב בערלאַגער פֿון חדרה. אַליין שטאַמט ער פֿון אוקראַינע. ער איז ערשט צוויי יאָהר אין אַ קבוצה (קאָמונע), אָבער ער האָט שוין בעוויזען קראַנק צו ווערען אויף מאַלאַריע טראָפּיקאַ, און אָט איז שמואל בעלענקיס פֿון וויטעבסק, 19 יאָהר איז ער שוין אין ארץ-ישראל. ער איז אַ לאַנד-אַרבייטער אין כפר יחזקאל, אָבער לעצטענס האָט ער זיך אַזוי שוואַך דערפֿיהלט, אַז ער האָט מעהר נישט געקאָנט אַרבייטען.

זיי אַלע פֿיהלען זיך בעסער שוין אין פֿערלויף פֿון דער איינער וואָך, וואָס זיי געפֿינען זיך דאָ, ווייל צוליב דעם בוי פֿון צווייטען שטאָק איז די סאַנאַטאָריע אַ קורצע צייט נעווען איינגעשלאָסען.

און אָט איז אַנ'אָנגעזעהענע פּערזענליכקייט: דער בעקאַנטער אַרבייטער-פֿיהרער בן-גוריון. ער איז לעצטענס געווען פֿאָרזיצענדער פֿון דער גרויסער יודישער אַרבייטער-קאָנפֿערענץ אין תל-אביב, און ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז ער איז קראַנק געוואָרען. ער האָט זיך געמיהט געוואָלט אַז ער זאָל קאָנען פֿאָהרען אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס און דאָרט פֿערטיידיגען די אינטערעסען פֿון דער „הסתדרות“.

די אַרבייטער זאָגען אַרום זייער פֿיהרער, אָבער דאָ איז ער אויס פֿיהרער. דאָ פֿיהרט דער דאָקטאָר ראָזענטאַל, אַ סימפּאַטישער מענש, אָבער אַ „דיקטאַטאָר“. ער לאָזט נישט בן-גוריון'ען רעדען, ער האָט איבערהויפּט איינגעפֿיהרט אַנ'אייזערנע דיסציפּלין. אין סאַנאַטאָריע האַלט ער, ווי מען רופֿט, נישט אַרבייטען, נישט אָנשטרענגען זיך.

ער ערקלערט מיר: אין אייראָפּא און אין אַמעריקא געפֿינען זיך אַלע אַ גאַנצען טאָג אין פֿערמאַכטע וואוינונגען. דער סוחר זיצט אין געשעפֿט אָדער אין ביוראָ, דער אַרבייטער — אין פֿאַבריק. זיי האָבען נישט קיין לופֿט, קיין בעוועגונג, דערפֿאַר ווען זיי קומען אין סאַנאַטאָריע, מוז מען זיי וואָס מעהר האַלטען אויף דער פֿרייער לופֿט, מאַכען אויספֿלוגען, גימנאַסטיק, מיט איין וואָרט, מאַכען בעוועגונגען. דאָ אין ארץ-ישראל איז אָבער אַנדערש. דאָ האָבען אַלע די זון גאַנץ טאָג, קיין לופֿט פֿעהלט נישט. מען בעוועגט זיך שטענדיג. זיי דאַרפֿען האָבען נאָר 2 זאַכען: רוה און גוט עסען.

איך האָב געפֿרעגט די קראַנקע און זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז מען גיט זיי זעהר גוט צו עסען, און אויב אַזוי איז טאַקע צו פֿערוואונדערן, ווי אַזוי דאָס עסען מיט אַלע אַנדערע זאַכען קאָסטען נאָר 33 פּיאַסטער (1,65 זל.) אַ טאָג פֿאַר אַ קראַנקען.

אָבער דאָס געלד צאָהלט אויך נישט דער קראַנקער. דאָס צאָהלט די „קופּת חולים“.

איך האָב אויך געפֿרעגט, ווי אַזוי ווערט אויסגעקליבען אַ קראַנקער אין סאַנאַטאָריע. עס איז דאָך קלאָר, אַז עס זיינען פֿאַראַן זעהר פֿיל קאַנדידאַטען. מען האָט מיר געענטפֿערט, אַז גאַנץ ארץ-ישראל איז איינגעטיילט געוואָרען אין „געביעטען“. יעדע געביעט האָט אַזוי און אַזויפֿיל בעטען. צום ביישפּיל: תל-אביב האָט 3 בעטען, עמק האָט 8 בעטען, חיפה — 2 בעטען, און די קראַנקען-קאַסעס אין די דאָזיגע געביעטען שיקען שטענדיג קראַנקע פֿאַר „זייערע“ בעטען. מען קען זיך פֿאָרשטעלען, אין וואָס פֿאַר'אַ לאַגע עס געפֿינען זיך די קראַנקען-קאַסעס, אַז תל-אביב קען נאָר שיקען 3 קראַנקע און צו שיקען האָט זי אַפֿשר 100. די דאָקטוירים האָבען טאַקע שטענדיג אַ שווערע מערכה.

איך האָב בעזוכט די צימער. שיינע צימערן צו 2—3 ביז 6 בעטען אין זיי. אַ ספּעציעלע מילכיגע און אַ ספּעציעלע פֿליישיגע קיך. אַלץ איז דאָ שטרענג כשר.

די סאַנאַטאָריע האָט איינגענע וואַסער פֿון 2 ספּעציעלע ברונעם. מוצא ליגט זעהר הויך, און גראָבען דאָ קוואַל-וואַסער וואָלט מען געדאַרפֿט האָבען קורח'ס אוצרות, בעניצט מען זיך מיט רעגען-וואַסער, וואָס ווערט געהאַלטען אין די ברונעם. די סאַנאַטאָריע ווערט בעלויכטען מיט עלעקטריק פֿון אַנ'אייגענעם מאָטאָר. די גאַנצע סאַנאַטאָריע איז איינגעהילט אין וואַלד.

צוזאַמען מיט דעם דאָקטאָר פֿון דער סאַנאַטאָריע און נאָך איינעם זשורנאַליסטען בין איך געגאַנגען בעקוקען דעם גאַנצען פּלאַץ פֿון דער סאַנאַטאָריע. די סאַנאַטאָריע שטעהט אויף אַ באַרג און אויף דעם באַרג האָבען יודישע אַרבייטער געמאַכט טעראַסען, אויף וועלכע מען האָט געפֿלאַנצט ביימער. פֿייגען, ציטערן און מיינטעל-ביימער. עס איז אַזוי מערקווירדיג אינטערעסאַנט צו זעהען, ווי אַזוי אויף שטיינער וואַקסען ביימער. ווירקליכע ניסים. טייל ביימער, וואָס זענען שוין אַלט עטליכע יאָהר, זענען שוין טאַקע דיק און הויך, אַנדערע זענען אַזוי הויך ווי אַ מענש, נאָך אַנדערע יונגעשטעקעלעך, אַזוי ווי קליינע קינדער.

די טעראַסען פֿיהרען אַרום אויסגעצייכענטע מעטער. דאָ איז די לאַגע אַ מחיה. מען פֿערגעסט אינגאַנצען, אַז מען געפֿינט זיך אין אַ טראָפּיש לאַנד. עס איז אַזוי, פֿון דער ווייטענס בלאַנקען ווי גאָלד, איינגעטונקען אונטער דער רויטקייט פֿון דער אונטערגעהענדער זון, די שפּיצען פֿון די ירושלים'ער הייזער.

אַרום און אַרום טאָל, וואו עס פֿליהען ווי די שדים, אויטאָמאָבילען, און פֿון די שפּיצען בערג און הינטערגרונד לאָזען זיך אַראָפּ די ארץ-ישראל'דיגע ציגען, וועלכע זעהען אויס ווי שעפּסען. זיי געהען נישט אַליין, מיט זיי געהט אַ פּאַסטעכעל, אַ מין יוסף, וואָס פֿייפֿט זיך צו אויף אַ פֿייפֿעלע אַ טרויעריגען ניגון, וועלכער דערגעהט ביז אונטער'ן האַרצען.

מיר געהען צוריק און קומען צו אַ קליינער אַלעע, וואָס איז אינגאַנצען בעדעקט מיט ביימער. הינטער אַ באַנק שטעקט אַרויס אַ וואָרצעל פֿון אַנ'אונטערגעהאַקטען בוים.

דאָס אָרט איז פֿערבונדען מיט אַ מערקווירדיגער געשיכטע.

ווען ד"ר הערצל איז געווען אין 1898 אין ארץ-ישראל, האָט ער דאָ געפֿלאַנצט אַ צעדערען-בוים. דער בוים איז זיך געוואַקסען און איז געוואָרען אַ פּונקט פֿאַר טוריסטישע יודען. זייט הערצל איז געשטאָרבען, האָט מען אָנגעהויבען צו קומען צום דאָזיגען בוים אַקוראַט, ווי דאָ וואָלט געווען זיין קבר. יעדען טאָג פֿלעגען זעהר פֿיל יודען פֿון ירושלים און פֿון אַנדערע ערטער קומען צום בוים.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכען און די טערקען האָבען אַריינגעפֿיהרט זייער מיליטער קיין ארץ-ישראל, האָט מען אין איין טאָג געפֿינען דעם בוים אונטערגעהאַקט. עס איז באַלד געוואָרען קלאָר, אַז די טערקען, וואָס זענען געווען זעהר בייז אויף די יודען צוליב זייער שטרעבען אָפּצורייסען ארץ-ישראל פֿון דעם אַלט-פֿערפֿוילטען טערקיי, האָבען מחמת נקמה אונטערגעהאַקט דעם בוים, וועלכער איז געווען אַזוי פֿערעהרט ביי יודען.

עס איז אָבער אויך פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז דער בוים איז אויסגעהאַקט געוואָרען דורך יודען.

די טערקען האָבען אין דער קריגס-צייט זעהר געפּלאַגט די יודען, און עס האָבען זיך געפֿונען יודען, וועלכע האָבען גערעכענט, אַז דער בוים איז אַ געפֿאַהר פֿאַר יודען, ווייל ער דערמאָנט די טערקען, אַז יודען ווילען אָפּרייסען ארץ-ישראל פֿון טערקיי, און איינמאָל ביי נאַכט האָבען די „בעזאָרגטע“ יודען אַליין אויסגעהאַקט דעם בוים.

אַזוי אָבער ווי דער בוים איז דער איינציגער אָנדענקען פֿון ד"ר הערצל אין ארץ-ישראל, ווערט דער שורש זעהר גוט אָפּגעהיטען. עס זיינען אַרום דעם בוים פֿערפֿלאַנצט געוואָרען נייע ביימער פֿון ערשטען יודישען נציב העליון סער הערבערט סעמיועל, פֿון גובערנאַטאָר סטאָרס, פֿון ציוניסטישען פֿיהרער ד"ר ווייצמאַן. דער שורש פֿון אונטערגעהאַקטען בוים, וואָס האָט שוין אָנגעהויבען פֿוילען, וועט באַלד אַרויסגענומען ווערען. מען וועט אים מיט כעמישע מיטלען באַלזאַמירען, אַריינשטעלען אין אַ שייער און צוריק אַריינזעצען אין דער ערד מיט אַ געהעריגער אויפֿשריפֿט. דאָס וועט זיין איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע ערטער אין פּאַלעסטינא.

אָבער די סאַנאַטאָריע אַליין, די „פֿאַבריק“ געזונד צו מאַכען די מידע פֿון יודישען לאַנד, איז אַ גאַנץ שעהנע פֿאָרזעצונג פֿון הערצל-בוים.

דרייסיג דורות יודען אין פּוילען.

פֿון דער ערשטער צייט, ווען יודען זענען אָנגעקומען וואוינען ביז צו דער איצטיגער ווידערגעבורט פֿון דער פּוילישער מלוכה.

פֿון גרשם באַדער.

די ערשטע צייט נאָך פּוילען'ס צוטיילונג.

די ערשטע טאַט פֿון דער עסטרייכישער רעגירונג איז געווען צו צעהלען די יודען. און דאָס איז אָבער געווען זעהר שווער דורכצופֿיהרען, ווייל יודען האָבען זיך נישט געלאָזט צעהלען און האָבען זיך בסוד פֿערבאַהלטען פֿאַר דער „גזרה“. [illegible]

[illegible]

צאָהלען אַ טאַקסע פֿון 10 פּראָצענט צו דער רעגירונג. [illegible] די נייטיגע 500 רייניש, וואָס מען האָט געדאַרפֿט [illegible] פֿון 50 רייניש [illegible].

[illegible]

אַ שעה צווישען די וואָלקענס.

(איינדרוקען פֿון אַ לופֿט-פֿליה-רייזע לאָדז—וואַרשאַ)

— פֿון — קהל.

פֿון לופֿט-פֿליה-רייזען איז שוין אַ סך געשריבען געוואָרען.

נים איינער פֿון דער שרייבער-משפּחה האָט שוין געשילדערט זיינע איינדרוקען, ווען ער האָט זיך געפֿונען אין דער הייך איבער גאָט'ס וועלטעל.

כ'בין נישט דער ערשטער. דאָך דוכט זיך מיר, אַז כ'האָב אַ חלק אין „מעשה בראשית“. אַז כ'בין נישט קיין קלענערער העלד פֿון די בערימטע לופֿט-פֿליהער — אַז יענע האָבען אויך נישט בעוויזען קיין בעסערע העלדענטאַט...

מ'פֿיהלט זיך רוהיג און זיכער אין עראָפּלאַן. נאָר שוואַכע און שרעקעוודיגע מענשען זעהען אין אַזאַ פֿליה אַ העלדענטאַט.

אויפֿהויבענדיג זיך פֿון לאָדזשער פֿליה-פּלאַץ האָב איך נישט געפֿיהלט דעם מאָמענט, ווען כ'בין אָפּגעריסען געוואָרען פֿון דער ערד און אַריינגעפֿאַלען אין רשות פֿון דער לופֿט.

כ'האָב אַזויפֿיל האָפֿנונגען געלייגט אויף דעם אויגענבליק, ווען כ'וועל פֿערלירען דעם באָדען אונטער די פֿיס און ווער אַ הויב מין העכער פֿון אַלע בשר ודם'ס, אָבער דער מאָמענט איז פֿאַרביי אומבעמערקט, אומפֿיהלבאַר.

בלויז דאָס כסדר'דיגע אונאויפֿהערבאַרע רוישען פֿון מאָטאָר זאָגט מיר, אַז מיר פֿליהען און הויבען זיך יעדע וויילע העכער און העכער. איך קוק אַ קוק דורך'ן פֿענסטער. ס'פֿערשפּרייטען זיך אונטערגעלין ברייטע פֿעלדער מיט פֿיל-פֿאַרביגע סאַלירען. כ'הויב אָן צו צווייפֿלען, צי איז דאָס די אייגענע ערד, וועלכע מען זעהט אונטען. אַזאַ סימעטרישקייט, אַזאַ וואַנדערבאַר-געשמאַקטער טעפּיך, וואָס קיין שום קינסטלער אין דער וועלט איז נישט בכח נאָכצומאַכען.

ווי שעהן איז גאָט'ס וועלטעל פֿון דער הויך!

גאָט האָט טאַקע געשאַפֿען אַ וואונדער-שעהנע וועלט, טראַכט איך מיר, אָבער ס'מוז זיין אַזוי הויך, ווי ער, כדי צו דערזעהן איהר שעהנקייט.

מיר פֿליהען פֿערביי דערפֿער, וועלדער. די הייזלעך זעהען אויס, ווי קליינינקע קינדער-שפּיעלעכלעך. הגם די ווייסט אַז די געפֿינסט זיך אַנ'ערך פֿון 8 הונדערט מעטער הויך, קאָנסטו דיר פֿאָרט נישט פֿאָרשטעלען, אַז אין אָט יענע פּיצינקע הייזעלעך, וואָס זענען גרויס ווי אַ שפּאָן, זאָלען וואוינען דערוואַקסענע מענשען.

ווי אַ קליינטשיק בערדעל, וואָס הויבט ערשט אָן צו שפּראָצען אויף דער [illegible], זעהען אויס די וועלדער, וועלכע ציהען זיך מסתמא קילאָמעטער ווייט.

וואָס איז אַזעלכעס רעאַליזם? איצט זעה איך דאָך די וועלט נאָר אין אַן אַנדער ליכט. פֿאַראַן, אַלזאָ, אַ העכערער רעאַליזם, אַ העכערע ווירקליכקייט...

אָט פֿליהען מיר פֿאַרביי אַ וואַסער. איינגענטליך בין איך זיך משער, אַז דאָס איז אַ וואַסער. ווייל פֿאַר מיר ווייזט זיך נאָר אַ דין לאַנג שנירעלע, וואָס קרייזעלט זיך, שלענגעלט זיך און פֿערשווינדט.

„כ'מיר פֿליהען דאָך גאַרנישט“ — זאָג איך זיך צו מיין שכן, אַ לאָדזשער אַדוואָקאַט, אַזוי פּאַמעליך בעוועגט זיך דער עראָפּלאַן, די בילדער בייטען זיך גאַנץ לאַנגזאַם, אַז כ'גלויב זיך קוים, אַז אין 40 מינוט וועלען מיר זיין אין וואַרשאַ.

„מיר פֿליהען אויסערגעוועהנליך גיך“ — זאָגט מיין בעגלייטער, און ער ווייזט מיר דעם שאָטען פֿון אַעראָפּלאַן, וועלכער בעגלייט אונז אויפ'ן גאַנצען וועג.

און שאָטען, אַלזאָ, דערקענט מען דעם אמת...

יאָ, די ווירקליכקייט זעהט מען נאָר אין שאָטען...

